IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**טעריטאָריאַליזם במזומן אָדער אויף באָרג • Territorialism: In Cash or on Credit**

by Chaim Zhitlowsky, translation by Rick Meller

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (February 2016)

For the online version of this article:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/territorialism-in-cash-or-on-credit

# טעריטאָריאַליזם במזומן אָדער אויף באָרג
# TERRITORIALISM: IN CASH OR ON CREDIT?

Chaim Zhitlowsky
Translation by Rick Meller

**Introduction:** "The four fundamental viewpoints that formed Jewish public opinion: assimilationism, Zionism, Diaspora nationalism and territorialism. [. . .] [T]he internal history of our people was the history of the spiritual wars that these four movements provoked. [ . . . In] all these wars it was my fate, my luck and my honor to take an active part".[1] With these words Chaim Zhitlowsky summarized his role in the great Jewish political debates of the late 19th and early 20th centuries.

Born in what is now Usaschy Raion, Vitebsk Region, Belarus in 1865, Zhitlowsky was a committed socialist, a founding member of the Socialist Revolutionary Party in Russia, a strong promoter of Yiddish language and culture, and a vice-president of the Czernowitz Yiddish Language Conference of 1908. He was a prolific essayist, and in addition to publishing extensively on socialism, assimilationism, Zionism and Diaspora nationalism, he wrote on topics ranging from the importance of Yiddish secular education, to individual thinkers such as Fredrich Nietzche and Moses Hess, to the very meaning of Jewish identity.[2]

Working to promote Yiddish culture throughout his life, Zhitlowsky founded the political and cultural journal Dos Naye Leben in New York in 1908. Writes Tony Michels, "He wished to build a capacious Yiddish-language culture that would lure estranged intellectuals back to Yiddish [. . .] A top priority for Zhitlovsky, then, was the

---

[1] Mayzel, Nachman. *Dr. Chayim Zshiṭloṿsḳi: tsu zayn hunderṭsṭn geboyrnyor: 1865-1965*. New York: Iḳuf, 1965, p. 7.

[2] For more on Zhitlowsky, see Frankel, Jonathan. *Prophecy and Politics: Socialism, Nationalism, and the Russian Jews, 1862-1917*. Cambridge, England: Cambridge UP, 1981; Greve, Kay. *Chaim Zhitlowsky: Philosoph, Sozialrevolutionär Und Theoretiker Einer Säkularen Nationaljüdischen Identität*. 1. Aufl. ed. Hannover: Wehrhahn, 2012; Weinberg, David H. *Between Tradition and Modernity: Haim Zhitlowski, Simon Dubnow, Ahad Ha-Am, and the Shaping of Modern Jewish Identity*. New York: Holmes & Meier, 1996.

creation of 'a new Jewish intelligentsia' committed to revolutionary socialism and 'Jewish national rebirth' through Yiddish."[3]
Yiddishist Itche Goldberg has described Zhitlowsky as " . . . not so much the leader of his generation as its guide, a pathfinder who stood at the crossroads during one of the most decisive moments in the history of his people. In this lies the guarantee of his durability."[4] While this may be true, today Zhitlowsky is not widely known, and few of his works have been translated into English. This essay, "Territorialism: In Cash or on Credit?," written in 1906, offers an introduction to Zhitlowsky's style of critical engagement with the highly-debated topics of his time.

As a growing number of Jewish intellectuals in both Eastern and Western Europe became disillusioned with the promise of assimilation beginning in the last two decades of the 19th century, several movements arose with the goal of improving the economic and social lot of Jews. These include territorial Zionism, cultural Zionism, Bundism, and Diaspora nationalism.[5] The fact that Zhitlowsky belonged to or had relationships with all of these groups is not unconnected to the fact that there was considerable overlap and a lack of clear boundaries among the movements as they developed. More than clearly defined programs, they can be said to represent political constellations and communities of affinity—tied, in the case of political Zionists, by the desire for Jews to have their own state;[6] Cultural Zionists by the desire for the establishment of a Jewish intellectual and cultural center in Palestine that would serve as a reference point for and source of inspiration to Jews worldwide, but not necessarily the establishment of a Jewish state;[7] followers of the Bund (the General Union of Jewish Workers of Poland, Lithuania and Russia), and Diaspora Nationalists, by their affirmation of Jewish belonging, and desire to fight for equal rights as a distinct national minority, within the states in which they live. [8]

Zhitlowsky explored the possibilities and the limitations of each of these movements. As Joseph Frankel observes, "At varying times, he was a sharp opponent of Zionism and a Zionist, an antiterritorialist and a territorialist, a supporter of the Bund and one of its harshest critics, a Socialist Revolutionary and an apologist for Bolshevism."[9] He joined

[3] Michels, Tony. *A Fire in Their Hearts: Yiddish Socialists in New York*. Cambridge, MA: Harvard UP, 2005, p 144.
[4] Stillman, Yankl. "Itche Goldberg on Khayim Zhitlovsky." *Jewish Currents* Nov. 2006: 26-29. The Workmen's Circle/Arbeter Ring. Web. 14 June 2015, p. 26.
[5] Cala, Alina. "The Question of the Assimilation of Jews in the Polish Kingdom." *Polin* 1 (1986): 130-50 and Frankel, ibid.
[6] Shortly before this essay was published, the Territorialist Jewish Organization was formed to advance the cause of a Jewish state in Palestine or any other locale, after the World Zionist Organization rejected a proposal for a Jewish home in Uganda at its Seventh Congress, and ruled out the establishment of a Jewish home in any location other than Palestine. See Mendes-Flohr, Paul R., and Jehuda Reinharz. *The Jew in the Modern World: A Documentary History*. New York: Oxford UP, 1980, p. 548. See also Weisbord, Robert G. "Israel Zangwill's Jewish Territorial Organization and the East African Zion." Jewish Social Studies 30.2 (1968): 89-108.
[7] See Mendes-Flohr and Reinharz, p. 543 and Weinberg, pp. 278-279.
[8] For a discussion of the Bund and the prolonged and contentious development of its views on Jewish national autonomy, see Frankel, *ibid.* pp. 171-257.
[9] Frankel, *ibid.*, p. 258.

the Bund in1899, but left in 1904 after a bitter split over his desire that the Bund take a firmer stand on collective national rights for Jews. He was a socialist who rejected deterministic elements of dialectical materialism, and who argued for the recognition of separate Jewish national rights within a socialist construct. While he saw territorial Zionism as a desirable goal, he argued that it was achievable only in the distant future, and not for all Jews.[10]

Disputes among and within these various movements included, as the present essay illustrates, the question of whether Jews should continue to agitate for the betterment of their social, economic, and political condition in the countries in which they were living, or whether, as Theodor Herzl and the World Zionist Organization had originally maintained, they should devote their full energies and efforts toward the creation of a Jewish homeland in Israel at the expense of other political or social agendas; and, crucially, whether the founding of a Jewish nation-state was itself a realistic goal.[11] The intensity of these debates cannot be overstated and points to significant discord within the Zionist movement and across the spectrum of political and cultural programs that together constituted what Benjamin Harshav has called the "modern Jewish revolution" in Central and Eastern Europe.[12]

Literary critic Shmuel Niger described Zhitlowsky as a thinker who created a "synthesis of nationalism, socialism, Galuth nationalism and territorialism."[13] The following essay reflects such a synthesis, revealing at the same time Zhitlowsky's sensitivity to the concerns of his Jewish generation, and his power as a writer and a storyteller.

---

[10] Frankel, *ibid.*

[11] The issue of *Gegenwartsarbeit* (work in the present) and involvement in *Landespolitik* (domestic national politics) was a constant source of friction within the World Zionist Organization, and in its external relations. For example, in December of 1906 at the Third All-Russian Zionist Conference, the conference adopted a resolution recognizing the necessity of "an attention to the daily needs of the Jewish masses" and the need for Zionism to "address itself to all aspects of Jewish life, and respond to all issues besetting Jewry" (Mendes-Flohr and Reinharz, p. 555). The same debate was taking place among Zionists in Galicia, where the notion of *Gegenswartsarbeit* and *Landespolitik* gained growing acceptance among Zionists, particularly after the death of Herzl in 1904 and the granting of suffrage to Jews in 1905. For more on this debate see Rabinovitch, Simon. *Jews and Diaspora Nationalism: Writings on Jewish Peoplehood in Europe and the United States*. Waltham, Mass: Brandeis UP, 2012; and Shanes, Joshua. *Diaspora Nationalism and Jewish Identity in Habsburg Galicia*. New York: Cambridge UP, 2012. Print.

[12] For a discussion of the "modern Jewish revolution", see Harshav, Benjamin. *Language in Time of Revolution*. Berkeley: U of California, 1993.

[13] Niger, Samuel. "Dr. Khaim Zhitlowsky—Tsu zayn zekhtsik-yeriker yubileyum." *Zhitlowsky zamlbukh*. Warsaw: Farlag Kh. Brzoza, 1929, p. 237.

# Territorialism: In Cash or on Credit?

**1.**

"Territorialism is a fine thing. The only trouble with it is that it can't possibly be realized. It is a beautiful but fantastical dream, that pulls a person away from reality and into the world of fantasy. As a result, it does more harm than good, and we have to oppose it."

I often hear this kind of talk coming from our opponents; and every time it reminds me of a story that a wise old Jew once told me.

This old Jew was one of those enlightened people who are fully immersed in today's world, with its current thoughts and ideals, but whose feet are still firmly fixed in the old *yidishkeyt*. I am sure that in his thinking he was more or less an atheist, but I have no doubt that he still drew pleasure from an opportunity to offer a proper midnight mourning prayer, or to perform a fine "Yom Kippur Kotn"[14]—as propriety demands.

I spoke with him about socialism; about the socialism that had personally pummeled him in the sides, taking away his son who was in his third year of medical school and carrying him off somewhere, who knows where—"to the East".

As if it were only yesterday I can still see his hunched figure sitting before me on the floor, in front of the red hot stove, grasping his knees in his hands. I see his earnest face, his pointed gray beard, "á la Mephisto."

After a long, long conversation about whether socialism could ever materialize, he told me a little story:

" . . . When God created our little world, he handed over the entire management of it to the Good One and the Evil One, and set himself up atop the seventh heaven, where the sweet "*el meylekh elyon*s"[15] wafted up to him from below, sent up by the contented and believing Earth.

Little by little, however, that heartfelt, sweet *nign* grew fainter and all but fell silent. Surprised by the stillness, the Creator listened closely to the Earth in astonishment: "What's going on with you?" Other songs rang out in the air, of which he

---

[14] Yom Kippur Katan (יום כיפור קטן: "Minor Day of Atonement"), is a minor fast day observed by some Jews on the day preceding each Rosh Chodesh or New-Moon Day.

[15] Literally "to the supreme king"; an Ashkenazic Rosh Hashanah prayer that praises God.

understood not a word. "I should take a look at what's up down there . . . maybe the people need another cold bath, like in the time of the flood."

And he lowered himself down to our sinful earth. Who should he go to first? To the Good One, of course. For days on end the Lord of the Universe traveled around seeking the Good One's dwelling, but no one could direct him. No one had even heard of the Good One's name.

"And the Evil One, do you know where he lives?" asked the Lord.

"We know, we know! In Paris, in Paris!" he heard gleeful voices resounding from all around: "Come! That's where we're headed, in search of fresh transgressions."

The Evil One lived in a grand palace like a count, and he entertained his lord and master in high style. For whole days he walked with the Lord around his factories and workshops, where sins of all kinds were being crafted, each one sweeter than the other, each more damaging to the soul than the next.

In great books that resembled Gemaras were inscribed the names of the Evil One's customers, and next to many of the names could be found the honorific "The Gaon, Distinguished Scholar, our Master and Teacher."

"And how goes it with the Good One? Is he doing some good business? Do you hear anything from him?"

"To tell you the truth, Lord of the Universe, I haven't heard from him for a long time. He hasn't been a dangerous rival for a long time now, but he must have a little operation somewhere, because if not, he would already have written to tell you that the generation has arrived that is altogether sinful,[16] and that you must keep your word about the Messiah."

Reminded of the Messiah, the Lord felt a little sadness in his heart, like one who recalls an old debt that he cannot repay.

"The Messiah . . . that one I'm going to have to put off a little longer . . . unless the 'Lovers of Zion'[17] seize the assets in repayment of the debt.[18] In the meantime let's get going to see the Good One."

After much effort they found a recent apostate who told them where the Good One lived. In a small remote Jewish shtetl, in an old fallen-in hovel, he was seated by a

---

[16] See Talmud Tractate Sanhedrin (chapter 10), where Rabbi Johanan states that the "Son of David [the Messiah] will come only in a generation that is either altogether righteous or altogether wicked. "

[17] The "Lovers of Zion." a predecessor of political Zionism which by 1902 had become absorbed into the Zionist movement. Zhitlowsky briefly joined the movement in 1893. See *Weinberg,* p. 91.

[18] Many religious Jews of the time opposed Zionism and the notion that Jews should return to Israel, believing that the return to Israel should only occur when the Messiah arrives and the temple is rebuilt. The asset referred to is the Land of Israel.

wobbly little table, erasing from a slim roster the names of customers who had that day gone over to his rival.

Here, at his work, the Lord of the Universe and the Evil One found him.

Seeing the Lord of the Universe, the Good One hurled himself on the Lord's breast and burst into tears like a small child.

"Take me, take me away from here! I am not fit for the sinful Earth," he begged God. And the Lord of the Universe, with great love and compassion, caressed the blonde head of his most beloved angel, and even the Evil One in embarrassment slid his top hat back on his forehead, pulled out a perfumed handkerchief from his top coat and with his pink gloved hands rubbed his golden pince-nez.

"No, my beloved! You cannot leave this place. One must struggle where one is . . . struggle until the end," the Lord of the Universe told the Good One. "But how did it come to be that your business is going so badly?"

"What's the surprise?" interrupted the Evil One. "To run a business one needs to have knowledge and science. I am educated, have studied at all the universities, therefore I know how to attract an audience! But he knows nothing more than the four corners of *frumkeyt*". . .

"My trouble is not that I am uneducated," answered the Good One. "The trouble is that you, Almighty One, left us to battle with unequal weapons. You gave the Evil One the ability to pay with cash: for every transgression that a man commits, he receives immediate payment—his pleasure. I, however, must always do business on credit: 'Suffer now, deny yourself all pleasure, and you will, later, in some distant time, attain an illuminated paradise.' Thus my request to you, Almighty God: If you cannot take me away from here, at least make it so I can compete with the Evil One in terms of cash. Make it so that every commandment is bound to a pleasure here in this world, a stronger pleasure than that associated with transgressions. Make it so that finishing a chapter of prayers or observing a fast should bring no less pleasure than—well I won't say what."

"Cash . . . cash . . . " answered the Lord of the Universe: "Even in heaven we've run out of cash. But I can do something for you, to put you on equal footing: I will make it so that the Evil One also has to start doing business on credit."

And this, then, is how the Lord of the Universe thought up socialism: for the time being, suffer, fight every step of the way, and pick a quarrel with the whole world. For the time being, you will have against you the government with its chains and prisons, the religious community with its vehement curses, and the money-man with his hunger whip; skinny, emaciated, you will languish in cold and need. So that only later . . . only then . . . in the end of days, when no trace of you shall remain . . ."

---

So he told me, the old Jewish apostate, in whom the old *yidishkeyt* and modern thought had merged to create a humorous-pessimistic outlook on life, filled with both sadness and forgiveness.

## 2.

At the time that my friend told me the story of the Evil One and the Good One, the reigning idea in most of the socialist world was that until the glorious hour of the socialist revolution, there is nothing one can do—at any time, or in any way -- to improve the lot of the poor, exploited portion of humanity. "The worse, the better" was the rule, and almost no socialist doubted it.

First, the entire working class, or the greater part of it, must cease to be the boss of its own economic life; it must become a mere hireling of capitalism. From that point on its position must continue to sink day after day; it must grow ever more starved and downtrodden—and only then, when it has absolutely nothing to lose but its chains; when it has become totally disillusioned with earning its little piece of bread in today's society—only then will it rise up, strike back and demolish the brick wall that stands between it and the Garden of Eden.

At that time I was already an apostate, and did not believe in the Marxist "What is worse is better," as described in *The Communist Manifesto* and in the first volume of *Das Kapital*. It seemed to me—and it still seems true today—that an empty stomach cannot be the only driver, or even the main driver of the socialist revolution. One must have not only an appetite to eat, but also an appetite to elevate the human condition; a passion for freedom and education,[19] for beauty and justice; a passion that for the great masses can only be satisfied—when an entire society based on socialist principles is established. However, for the great masses to develop the natural desire for freedom, education, beauty, and justice in every person, first the economic situation for all must be improved in order to awaken a new desire for a good book, a beautiful picture, a free day to spend in nature. First the man within the worker must be raised up; the worker must lift up his head, demand what is coming to him, take from life in each of its moments what he can—and then demand still more. He must take more and make even greater demands, until his yearning to lead a free life becomes so strong that it cannot be satisfied by any other means—only in a socialist society.

If we look at socialism and at the forces that will bring it about in this way, not one minute of the work that goes into it is done on credit: socialism pays in cash, in every moment. The improvement of one's economic situation is certainly "cash,"—as can

[19] Zhitlowsky uses the Yiddish and German word "bildung" for education, which can connote both education and moral edification. For an interesting discussion of these implications, see Trachtenberg, Barry. *The Revolutionary Roots of Modern Yiddish: 1903 - 1917*. Syracuse: U, 2008, pp. 97-98.

be demonstrated by the increase in wages received by the workers of the entire world since the socialist movement began; by the decrease in hours they are required to labor in order to make a living; by the great amount of products and property that reach workers where there is a strong socialist movement of the working class; and by all of the improvements that the ruling classes were required to introduce into society in order to appease the ever growing hunger of the masses for a new life. This is all cash—cash that socialism began to pay as soon as it became a strong movement; as soon as its ideals were adopted by the masses at large.

Socialism is a social ideal that strives to heal once and for all the social suffering of humanity. Territorialism is a national ideal that strives to heal once and for all the national suffering of the Jewish people. Like every ideal it will only exist on credit as long as it does not enrich the work of the day, as long as it does not bring warmth nor light from its own rays.

Like socialism, territorialism has experienced an "on-credit period" that unfortunately is not yet over. Just as the old Marxists maintained that until socialism is achieved, the social condition of the workers cannot be improved in any measure and the only work one can do is to propagandize and organize social revolution; in the same way many Jewish territorialists have argued, and continue to argue, that the national situation of the Jewish people cannot and will not see improvement until the Jewish people have their own home; and that the only national work one can do in the lands of the Diaspora is that of propagandizing and organizing the exodus from Egypt. This is pure "territorialism on credit," like the socialism on credit that predominated in the thoughts of socialist theoreticians.

And yet, as soon as the ideal of national rebirth in one's own land began to play a role in the life of the Jewish people, as soon as it entered into the hearts of the masses, so too there has grown with it a new need for a healthy national life in the Diaspora proper—to the extent that this is possible —and territorialism has started paying cash. It revived the unconscious national energies within a section of the Jewish intelligentsia, and it returned this section to the folk. It awoke the Jew in the man and the man in the Jew, who had become so stooped and downtrodden that a great many believed that he was already "resting in peace." Territorialism created a literature that awakened new national needs, invigorating the national creative power of the Jewish people and amassing a new, vibrant energy to build a normal national life in a home of their own. Territorialism, i.e. the logical outcome of the Jewish national idea, motivated the Jew to raise his head with more pride. It strengthened and continues to strengthen from day to day the desire of the people for an independent, free life; and creates from day to day all the more richness in their national literature and in the arts. Territorialism has already almost brought together all Jews in the entire world, and established for them a task: to constantly keep in mind the interest of their own people. Territorialism is already bringing forward the demand for national, and where possible territorial autonomy for Jews in the lands of the Diaspora. And territorialism still has so much "cash" that it can give to the Jewish people today, right away, where Jews live—not waiting until the

happy hour of the *kibets golyes*;[20] not waiting even until the difficult question of "when and where" is answered:. the organization of Jewish education, the economic revolution taking place in the lives of the Jewish people through work on the land; the bonding of Jewish intelligentsia with the Jewish people —all of these things will remain "cash in hand," even if the territorialist ideal should never come to fruition.

I know very well that there are a number of people who do not understand why, beyond the concrete "cash" now in the Diaspora, do we need the final goal of territorialism; knowing that, like any end-goal, it must for the time being remain "on credit."

They argue like the honest trade unionists about socialist work. "Why do we need the socialist end-goal?" asks the trade unionist, for whom this word "cash" means "from hand to mouth." The trade unionist does not understand that socialism is the logical result of his own work; that no matter how much he improves his condition in the present time, he will not be able to completely resolve the social question that can only be resolved through socialist revolution, and it is by keeping this particular idea in mind that one is able to further and deepen the trade-unionist work itself.

Similarly, non-territorialist nationalists—such as, for example, the nationally-inclined elements of the Bund -- do not understand that territorialism is the logical endpoint of their own work; that no matter how greatly improved the situation of the people becomes in the Diaspora, the Jewish national question will only be fully answered at such time as we shall have our own home for the entire Jewish people.[21] Thus it is by keeping this ideal in mind that we will be able to further and deepen the national work we are doing within the Diaspora itself.

The old socialism and the old territorialism have lived, and would continue to live, on no more than "credit," through the mere "belief" in the future. Trade unionism and national Bundism fall into the contrary mistake: Do not place your faith in the future!! What is not cash in hand is not worth a groschen.

The new socialism and the new territorialism recognize that the future ideals exist precisely to fertilize the work of the present day; and the more "cash" they pay us today, the sooner those very ideals will in fact be realized. And the more we believe in those ideals, the more we work for their realization in the future, the more "cash" they will be able to provide us in the present.

[20] The "ingathering of exiles" from Deuteronomy 30:1-5, in which God promises the return of exiles to the land of Israel.

[21] As Gershom Bader, a Galician Zionist spokesman put it in 1902, "The beginning of *Zionist* is *Jewish nationalist*, but the consequence of *Jewish nationalist* must be *Zionist.*" See Shanes, p.194.

# טעריטאָריאַליזם במזומן אָדער אויף באָרג

1.

„דער טעריטאָריאַליזם איז אַ ווילדע זאַך. זײַן צרה איז נאָר, וואָס ער קאָן קיין מאָל ניט אויסגעפֿירט ווערן אין לעבן; ס׳איז אפֿשר אַ שיינער, נאָר פֿאַנטאַסטישער חלום, וואָס רײַסט אָפּ דעם מענטשן פֿון דער ווירקלעכקייט און פֿאַרשלעפּט אים אין עולם־התּוהו; דעריבער ברענגט ער מער שאָדן, איידער נוצן, דעריבער מוז מען קעמפֿן אַנטקעגן אים.“

אַזוי הער איך אָפּט רעדן אַ טייל פֿון אונדזערע קעגנער, און שטענדיק, ווען איך הער דאָס, דערמאָנט זיך מיר אַ מעשׂהלע, וואָס מיר האָט אַן עלטערער קלוגער ייִד אַ מאָל דערציילט.

דער עלטערער ייִד האָט געהערט צו דעם מין אויפֿגעקלערטע מענטשן, וואָס זענען שוין אַרײַן „ראשו־ורובו“ אין דער הײַנטיקער וועלט, מיט די איצטיקע געדאַנקען און אידעאַלן, אָבער וואָס זענען נאָך מיט די פֿיס געשטאַנען אין דער אַלטער ייִדישקייט. איך בין זיכער, אַז ער איז אין זײַנע געדאַנקען געווען כּמעט אַן אַטעיִסט, אָבער איך בין אויך זיכער, אַז ער האָט געהאַט דעם גרעסטן תּענוג, ווען אים פֿלעגט זיך אײַנגעבן אַרײַנצוכאַפּן אַ רעכטן „תּיקון־חצות“ אָדער אָפּריכטן אַ פֿײַנעם „יום־כּיפּור־קטן“, אָבער גאָר וואָס אַ פֿײַנער הייסט.

וועגן סאָציאַליזם האָב איך מיט אים גערעדט, וועגן דעם סאָציאַליזם, וואָס האָט אים גופֿא אַ רײַב געטאָן די זײַטן, אָפּנעמענדיק בײַ אים אַ זון פֿון דריטן קורס מעדיצין און פֿאַרשלײַדערנדיק אים ערגעץ, ווער ווייסט וווּ, אין „וואָסטאָטשנע“.

ווי הײַנט זע איך פֿאַר מיר זײַן צונויפֿגעהויקערטע פֿיגור אויף דער ערד, פֿאַר דער אָנגעפּײַערטער „הרובע“, מיט די הענט אַרומגענומען די קני. איך זע זײַן ערנסט געזיכט, זײַן שפּיציק גראָ בערדל, „אַלאַ מעפֿיסטאָ“.

נאָך אַ לאַנגן, לאַנגן שמועס, מכּוח דעם, צי דער סאָציאַליזם קאָן ווען עס איז מקוים ווערן, האָט ער מיר דערציילט אַ מעשׂהלע:

„... אַז דער רבונו־של־עולם האָט באַשאַפֿן אונדזער וועלטל, האָט ער איבערגעגעבן די גאַנצע פֿירונג דעם יצר־טובֿ און דעם יצר־הרע און אַליין איז ער אַרויף אויף דעם זיבעטן הימל, וווּהין עס זענען צו אים דערגאַנגען די זיסע „אל־מלך־עליונס“, וואָס די צופֿרידענע און גלייביקע ערד פֿלעגט אים שיקן אַרויף.

ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז איז אָבער דער ליבהאַרציקער, זיסער ניגון אָפּגעשוואַכט און כּמעט אין גאַנצן פֿאַרשטומט געוואָרן. אויפֿגעכאַפּט האָט זיך דער באַשעפֿער פֿון דער שטילקייט און מיט פֿאַרוווּנדערונג זיך צוגעהערט צו דער ערד: וואָס איז מיט איר אַזוינס געשען? אַנדערע לידער קלינגען אין דער לופֿט, פֿון

װעלכע ער פֿאַרשטייט ניט אַ װאָרט. מען דאַרף אַ קוק טאָן, װאָס דאָרט קומט פֿאָר... אפֿשר דאַרפֿן די מענטשעלעך װידער אַ קאַלטע װאַנע, װי אין דעם דור־המבול.

און ער לאָזט זיך כּבֿיכול אַראָפּ אויף אונדזער זינדיקער ערד. צו װעמען גייט מען צו ערשט? געװיס, צו דעם יצר־טובֿ. טאָג־אויס, טאָג־איַין איז דער רבונו־של־עולם אומגעגאַנגען, זוכנדיק דעם יצר־טובֿס װוינונג, און ער האָט זיך ביַי קיינעם ניט געקאָנט דערפֿרעגן, קיינער האָט זיַין נאָמען ניט געהערט.

„און דער יצר־הרע, װייסט איר, װוּ ער װוינט?‟, פֿרעגט דער רבונו־של־עולם.

„מיר װייסן, מיר װייסן! אין פּאַריז, אין פּאַריז!‟ הערן זיך פֿריידיקע שטימען פֿון אַלע זיַיטן: „קומט, מיר פֿאָרן טאַקע אַהין, נאָך פֿרישע עבֿירות‟.

אין אַ גרויסן פּאַלאַץ האָט ער געװוינט, װי אַ גראַף, דער יצר־הרע, און ער האָט פֿיַין אויפֿגענומען זיַין האַר און באַפֿעלער. גאַנצענע טעג איז ער מיט אים אומגעגאַנגען איבער זיַינע פֿאַבריקן און װאַרשטאַטן, װוּ עס װערן אויסגעאַרבעט אַלע סאָרטן עבֿירות, איינע זיסער פֿאַר די אַנדערע, איינע פֿאַרדאָרבלעכער פֿאַר דער נשמה, איידער די אַנדערע.

אין גרויסע ביכער, װי גמרות, זיַינען געװען פֿאַרשריבן די נעמען פֿון דעם יצר־הרעס קונדן, און ביַי אַ סך פֿון די נעמען איז געשטאַנען דער טיטול: „הגאון המופֿלג, אַדמו״ר‟.

„און װי גייט דאָס דעם יצר־טובֿ? מאַכט ער עפּעס גוטע געשעפֿטן? הערסטו פֿון אים עפּעס?‟

„דעם אמת זאָגנדיק, רבונו־של־עולם, האָב איך שוין לאַנג פֿון אים ניט געהערט. אַ געפֿערלעכער קאָנקורענט האָט ער שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו זיַין, נאָר ער מוז האָבן ערגעץ װוּ אַ געװעלבל, װיַיל אַז ניט, װאָלט ער שוין געשריבן דיר, אַז עס איז שוין דאָ דער דור שכּולו חייבֿ, און דו מוזסט האַלטן װאָרט מיט משיחן‟.

דערמאָנט זיך אָן משיחן, איז דעם רבונו־של־עולם כּבֿיכול אַ ביסל טרויעריק געװאָרן אויפֿן האַרצן, װי איינעם, װאָס מען דערמאָנט אָן אַלטן חובֿ, װעלכן ער קאָן ניט באַצאָלן.

„משיחן... דאָס װעט מען נאָך דאַרפֿן אַ ביסל אָפּלייגן... סיַידן די „חובֿבֿי־ציון‟ װעלן איבערשריַיבן אויף זיך דעם חובֿ. דערװיַיל לאָמיר אַקאָרשט אַריבערפֿאָרן צו אים‟.
מיט גרויס מי האָט מען פֿון אַ נאָר װאָס געװאָרענעם אַפּיקורס אַרויסגעפֿונען, װוּ דער יצר־טובֿ װוינט. אין אַ קליינעם פֿאַרװאָרפֿענעם ייִדישן שטעטל, אין אַן אַלטער איַינגעפֿאַלענער חורבֿה, נעבן אַ הינקעדיקן טישל איז ער געזעסן און האָט פֿון אַ דינינקן רייסטערל געמעקט די קונדן, װאָס זענען פֿאַר דעם טאָג אַריבער צו זיַין קאָנקורענט.

אָט ביַי דער אַרבעט האָבן זיי אים געפֿונען, דער רבונו־של־עולם און דער יצר־הרע.

דערזעענדיק דעם רבונו־של־עולם, איז דער יצר־טובֿ אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זײַן ברוסט און האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד.

„נעם מיך צו, נעם מיך צו פֿון דאַנען! איך בין ניט פֿאַר דער זינדיקער ערד“, האָט ער זיך געבעטן בײַ גאָט. און דער רבונו־של־עולם האָט מיט גרויס ליבשאַפֿט און רחמנות געגלעט דעם בלאָנדן קאָפּ פֿון זײַן געליבטן מלאך, און אַפֿילו דער יצר־הרע האָט אין פֿאַרלעגנהייט אַרויפֿגערוקט דעם צילינדער אויפֿן שטערן, האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון פֿראַק אַ פּאַרפֿומירט נאָזטיכל און גענומען מיט די הענט אין ראָזעווע הענטשקעס אויסרײַבן דעם גילדענעם פּענסנע.

„ניין, מײַן געליבטער! אַוועקגיין פֿון פּלאַץ טאָר מען ניט, דאָרטן ווּ מען איז, דאַרף מען קעמפֿן... קעמפֿן ביז צו לעצט“, האָט דער רבונו־של־עולם געזאָגט צום יצר־טובֿ. „אָבער ווי אַזוי קומט דאָס, אַז דײַנע עסקים גייען אַזוי שלעכט?“

„וואָס איז דער חידוש?“ מישט זיך אַרײַן אין געשפּרעך דער יצר־הרע: „צו פֿירן אַן עסק דאַרף מען האָבן קענטעניש און וויסנשאַפֿט. איך בין אַ געבילדעטער, האָב אויסגעשטודירט אַלע אוניווערסיטעטן, דערפֿאַר ווייס איך צו נעמען דעם עולם! ער אָבער ווייסט מער נישט, ווי די ד׳ אַמות פֿון פֿרומקייט“...

„ניט אין דערינען ליגט מײַן צרה, וואָס איך בין ניט געבילדעט“, האָט געענטפֿערט דערויף דער יצר־טובֿ: „די צרה איז, וואָס דו, אַלמעכטיקער, האָסט אונדז געלאָזן קעמפֿן ניט מיט גלײַכע כּלי־זיין. דעם יצר־הרע האָסטו געגעבן די מעגלעכקייט צו צאָלן מיט מזומן: פֿאַר יעדער עבֿירה, וואָס דער מענטש טוט, באַקומט ער אויפֿן שטעל דאָס געצאָלט, די הנאה. איך אָבער מוז שטענדיק האַנדלען אויף קרעדיט: „ווער איצט אויסגעריסן, זאָג זיך אָפּ פֿון אַלע תּענוגים, ועסטו דעמאָלט, שפּעטער, אין אַ סך צײַט אַרום, האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן“. דעריבער איז מײַן בקשה צו דיר, אַלמעכטיקער גאָט: אויב דו קאָנסט ניט אַוועקנעמען מיך פֿון דאַנען, מאַך לכל־הפּחות, איך זאָל קאָנען קאָנקורירן מיט דעם יצר־הרע אין דעם פּרט פֿון מזומן. מאַך, אַז אַלע מיצוות זאָלן דאָ אויף דער וועלט זײַן פֿאַרבונדן נאָך מיט שטאַרקערע תּענוגים, איידער עבֿירות. מאַך, אַז אָפּזאָגן אַ קאַפּיטל תּהילים אָדער אָפּפֿאַסטן אַ תּענית, זאָל ברענגען ניט קיין קלענערע הנאה, איידער — איך וויל ניט אַרויסרעדן פֿון מײַן מויל“...

„מזומן... מזומן...“ האָט געענטפֿערט דער רבונו־של־עולם: „קיין מזומן איז שוין אַפֿילו אויפֿן הימל ניטאָ. נאָר איך קאָן אײַך אָט וואָס טאָן, כּדי אויסצוגלײַכן אײַער לאַגע: איך וועל מאַכן, אַז דער יצר־הרע זאָל אויך אָנהייבן האַנדלען אויף באָרג“...

און דאָ האָט דער רבונו־של־עולם אויסגעטראַכט דעם סאָציאַליזם: דערווײַל ווער אויסגעריסן, קעמף אויף שריט און טריט און רײַס זיך אײַן מיט דער גאַנצער וועלט. דערווײַל האָב אַנטקעגן זיך אי די מלוכה מיט אירע קייטן און תּפֿיסות, אי די אמונה מיט אירע קללות און חרמות, אי דעם געלטמענטש מיט זײַן הונגערבײַטש; דאַר, קוואַר, שמאַכט אין קעלט און נויט. דערפֿאַר אָבער שפּעטער... דעמאָלט... באַחרית־הימים, אַז פֿון דיר וועט שוין קיין זכר ניט בלײַבן...“

אַזוי האָט ער מיר דערציילט, דער אַלטער ייִדישער אַפּיקורס, בײַ וועמען די אַלטע ייִדישקייט און די הײַנטוועלטיקע געדאַנקען האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין הומאָריסטיש־פּעסימיסטישן בליק אויפֿן לעבן, פֿול מיט טרויער און פֿאַרגעבן.

2.

צו יענער צײַט, אין וועלכער מײַן פֿרײַנד האָט מיר דערציילט די מעשׂהלע מיט דעם יצר־הרע און דעם יצר־טובֿ, האָט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט כּמעט נאָך אומעטום געהערשט דער געדאַנק, אַז ביז צו דער מזלדיקער שעה פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע קאָן מען בשום־אופֿן ניט און אין קיין פּונקט ניט פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון דעם אָרעמען, אויסגעזויגטן טייל פֿון דער מענטשהייט. „וואָס ערגער, איז בעסער“ איז געווען דער כּלל, אין וועלכן כּמעט קיין סאָציאַליסט איז ניט געווען אין ספֿק.

פֿריִער מוז די גאַנצע אַרבעטנדע מענטשהייט, אָדער דער גרעסטער טייל פֿון איר, אויפֿהערן צו זײַן דער אייגענער בעל־הבית אין זײַן עקאָנאָמישן לעבן, ער מוז ווערן אַ פֿאַרדונגענער בײַ דעם קאַפּיטאַליסט. דערנאָך מוז זײַן מעמד זינקען פֿון טאָג צו טאָג, ער מוז ווערן אַלץ מער אויסגעהונגערט און אָפּגעלאָזן און ערשט דעמאָלט, אַז ער וועט שוין גאָרנישט האָבן צו פֿאַרלירן סײַדן זײַנע קייטן, אַז ער וועט זיך שוין אין גאַנצן מיאש זײַן צו פֿאַרדינען זײַן שטיקל ברויט אין דער איצטיקער געזעלשאַפֿט, — ערשט דעמאָלט וועט ער זיך אַ הייב טאָן, אַ קלאַפּ טאָן און אויפֿרײַסן די מויערנע וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פֿון דעם גן־עדן.

איך בין שוין צו יענער צײַט געווען אַן אַפּיקורס, און האָב ניט געגלייבט אין דעם מאַרקסיסטישן „וואָס ערגער איז בעסער“, ווי ער איז געווען אויסגעמאָלט אין דעם „מאַניפֿעסט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי“ און אין דעם ערשטן באַנד פֿון דעם „קאַפּיטאַל“. מיר האָט זיך געדוכט — און דוכט זיך נאָך עד־היום — אַז דער הונגעריקער מאָגן קאָן ניט זײַן דער איינציקער מאַכער, אַפֿילו ניט דער הויפּטמאַכער פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מען דאַרף ניט נאָר האָבן אַן אַפּעטיט צום עסן, נאָר אויך האָבן אַן אַפּעטיט צו אַ העכערן מענטשלעכן לעבן, אַ ברען צו פֿרײַהייט און בילדונג, צו שיינקייט און גערעכטיקייט, אַ ברען, וואָס קאָן פֿאַר די גרויסע מאַסן באַפֿרידיקט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט אַוועקשטעלן דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אויף אַ סאָציאַליסטישן יסוד. כּדי אָבער בײַ די גרויסע מאַסן זאָל זיך קאָנען פֿונאַנדערברענען דער נאַטירלעכער חשק פֿון יעדן מענטשן צו פֿרײַהייט, בילדונג, שיינקייט און גערעכטיקייט, מוז פֿריִער פֿאַר אַלץ פֿאַרבעסערט ווערן דער עקאָנאָמישער צושטאַנד, עס דאַרפֿן אין זיי אויפֿגעוועקט ווערן נײַע באַדערפֿענישן צו אַ גוטן בוך, אַ שיין בילד, אַ פֿרײַען טאָג, פֿאַרבראַכט אין דער פֿרײַער נאַטור; עס מוז פֿריִער פֿאַר אַלץ דער מענטש זיך אויסגלײַכן אין דעם אַרבעטער, אויפֿהייבן זײַן קאָפּ, פֿאַרלאַנגען וואָס אים קומט, נעמען פֿון דעם לעבן אין יעדער מינוט אַלץ, וואָס ער קאָן, און פֿאַרלאַנגען מער און נעמען ווײַטער און נאָך מער פֿאַרלאַנגען, ביז זײַן בענקעניש נאָך אַ פֿרײַען מענטשלעכן לעבן זאָל ווערן אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל אַנדערש ניט קאָנען באַפֿרידיקט ווערן, סײַדן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

קוקט מען אָבער אַזוי אויף דעם סאָציאַליזם און אויף די קרעפֿטן, וואָס וועלן עס אויספֿירן אין לעבן, איז די אַרבעט צוליב אים קיין איין מינוט ניט אויף באָרג: אין יעדער רגע צאָלט מען במזומן. די פֿאַרבעסערונג פֿון

דער עקאָנאָמישער לאַגע איז דאָך אַוודאי אַ „מזומן“, וואָס מען קאָן אים אַפֿילו אַרויסווייַזן אין צאָלן פֿון די פֿאַרגרעסערטע שׂכירות, וועלכע די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן באַקומען, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג; אין די צאָלן פֿון די שעהען, וואָס זיי דאַרפֿן ווייניקער אַרבעטן, כּדי צו קאָנען לעבן; אין די גרויסע מאַסן פֿון די פּראָדוקטן און לעבנסגיטער, וואָס פֿאַלן אַרויס אויף דעם חלק פֿון דעם אַרבעטער ווי עס איז דאָ אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פֿון די אַרבעטער־מאַסן; אין די אַלע פֿאַרבעסערונגען, וואָס די הערשנדע קלאַסן האָבן געמוזט אייַנפֿירן אין דער געזעלשאַפֿט, כּדי ווי עס איז אייַנצושטילן דעם אַלץ מער וואַקסנדן הונגער פֿון די מאַסן נאָך אַ נייַעם לעבן. דאָס זייַנען אַלץ מזומנים, וועלכע דער סאָציאַליזם האָט אָנגעהויבן צו צאָלן, ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג, ווי נאָר צו זייַן אידעאַל האָבן גענומען צושטיין די גרויסע מאַסן.

דער סאָציאַליזם איז אַ סאָציאַלער אידעאַל, וואָס וויל אין גאַנצן און אויף אייביק אויסהיילן די סאָציאַלע לייַדן פֿון דער מענטשהייט. דער טעריטאָריאַליזם איז אַ נאַציאָנאַלער אידעאַל, וואָס וויל אויסהיילן אין גאַנצן און אויף אייביק די נאַציאָנאַלע לייַדן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק. ווי יעדער אידעאַל, לעבט ער אויף באָרג נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער קאָן ניט באַפֿרוכטן די אַרבעט פֿאַר דעם הייַנטיקן טאָג, קאָן זי ניט דורכוואַרעמען און דורכלייַכטן מיט זייַנע אייגענע שטראַלן.

אויך דער טעריטאָריאַליזם האָט, ווי דער סאָציאַליזם, דורכגעמאַכט אַן „אויף־באָרג־פּעריאָד“, וואָס איז צום אומגליק נאָך ניט אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן. ווי די אַלטע מאַרקסיסטן האָבן געטענהט, אַז ביז צו דעם סאָציאַליזם קאָן די סאָציאַלע לאַגע פֿון דעם אַרבעטער אין קיין פֿאַל ניט פֿאַרבעסערט ווערן, און אַז די איינציקע אַרבעט, וואָס מען קאָן טאָן, איז פּראָפּאַגאַנדירן און אָרגאַניזירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אַזוי האָבן געטענהט און טענהן נאָך אַ סך ייִדישע טעריטאָריאַליסטן, אַז די נאַציאָנאַלע לאַגע פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק קאָן אין קיין פֿאַל ניט און בשום־אופֿן ניט פֿאַרבעסערט ווערן, ביז די ייִדן וועלן ניט האָבן אַן אייגענע היים, און די גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרבעט, וואָס מען קאָן טאָן אין די גלות־לענדער, איז מער נישט — די פּראָפּאַגאַנדע און די אָרגאַניזאַציע פֿון דעם „יציאת־מצרים“. דאָס איז דער ריינסטער „טעריטאָריאַליזם אויף באָרג“, ווי דער סאָציאַליזם אויף באָרג, וואָס האָט געהערשט אין די מוחות פֿון אַלע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער.

אָבער ווי נאָר דער אידעאַל פֿון דעם נאַציאָנאַלן אויף ס'נייַ געבאָרן ווערן אין אַן אייגענעם לאַנד האָט גענומען שפּילן אַ ראָלע אין דעם לעבן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, ווי נאָר ער איז אַרייַן אין די הערצער פֿון די מאַסן, אַזוי זענען אויסגעוואַקסן נייַע באַדערפֿענישן צו אַ געזונטן נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות גופֿא — אויף וויפֿל מען קאָן — און דער טעריטאָריאַליזם האָט גענומען צאָלן מיט מזומן: ער האָט אויפֿגעלעבט די פֿאַרחלשטע נאַציאָנאַלע כּוחות פֿון אַ טייל ייִדישער אינטעליגענץ און האָט דעם טייל ווידער געבראַכט צו דעם פֿאָלק, ער האָט גענומען אויפֿוועקן דעם מענטשן אין דעם ייִדן און דעם ייִדן אין דעם מענטשן — דעם ייִדן, וואָס איז געווען אַזוי פֿאַרהויקערט און צעטראָטן, אַז אַ פֿולע האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין עליו־השלום, — ער האָט באַשאַפֿן אַ ליטעראַטור, וואָס וועקט נייַע נאַציאָנאַלע באַדערפֿענישן, פֿרישט אָפּ די נאַציאָנאַלע שאַפֿונגסקראַפֿט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק און זאַמלט אָן נייַע לעבעדיקע כּוחות פֿאַר אַ נאָרמאַלן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַן אייגענער היים. דער טעריטאָריאַליזם, ד"ה דער לאָגישער אויספֿיר פֿון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ייִד זאָל שטאָלצער אויפֿהייבן דעם קאָפּ, האָט געשטאַרקט און שטאַרקט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער דעם ווילן פֿון דעם פֿאָלק צו אַ זעלבשטענדיקן

פֿרײַען לעבן, און שאַפֿט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער נאַציאָנאַלע רײַכקייטן אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט. ער האָט שוין כּמעט צונויפֿגעבראַכט אין איינעם די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט און אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיי די אויפֿגאַבע, שטענדיק צו האָבן אין זינען די אינטערעסן פֿון זייער אַלעמעס פֿאָלק. און ער גייט שוין אַרויס מיט פֿאָדערונגען פֿון נאַציאָנאַלער און ווּ מעגלעך טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פֿאַר די ייִדן אין די גלות־לענדער גופֿא. און נאָך אַ סך, אַ סך „מזומנים“ האָט אין זיך דער טעריטאָריאַליזם, וועלכע ער קאָן געבן דעם ייִדישן פֿאָלק הײַנט, אויפֿן שטעל, דאָרטן ווּ ייִדן וווינען, ניט וואַרטנדיק ביז דער מזלדיקער שעה פֿון דעם „קיבוץ־גלויות“, ניט וואַרטנדיק אַפֿילו, ביז עס וועט פֿאַרענטפֿערט ווערן די האַרבע פֿראַגע פֿון דעם „ווען און ווּ“: די אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער דערציִונג, די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אין דעם לעבן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק דורך ערדאַרבעט, די צונויפֿבינדונג פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ מיט דעם ייִדישן פֿאָלק, — דאָס זײַנען אַלע אַזעלכע זאַכן, וואָס וועלן בלײַבן שטיקער „מזומנים“, אַפֿילו ווען דאָס טעריטאָריאַליסטישע אידעאַל זאָל קיין מאָל ניט אויסגעפֿירט ווערן.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס זענען פֿאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס פֿאַרשטייען ניט, צו וואָס דאַרף מען אָט צו די מזומנים פֿון דער איצטיקער צײַט אין גלות דעם טעריטאָריאַליסטישן ענדציל, וואָס מוז נאָך, ווי יעדער ענדציל, דערווײַל בלײַבן „אויף באָרג“.

זיי טענהן ווי די ריינע טרייד־יוניאָניסטן אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. „אויף וואָסער פֿײַער דאַרף מען דעם סאָציאַליסטישן ענדציל“, פֿרעגט זיך דער טרייד־יוניאָניסט, בײַ וועמען דאָס וואָרט מזומן הייסט — פֿון האַנט אין מויל אַרײַן. דער טרייד־יוניאָניסט פֿאַרשטייט ניט, אַז דער סאָציאַליזם איז דער לאָגישער אויספֿיר פֿון זײַן אייגענער אַרבעט, אַז ווי שטאַרק ער זאָל ניט פֿאַרבעסערן זײַן מעמד אין דער איצטיקער צײַט, וועט ער ניט קאָנען אין גאַנצן פֿאַרענטפֿערן די סאָציאַלע פֿראַגע, וואָס קאָן אין גאַנצן פֿאַרענטפֿערט ווערן ערשט דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און אַז מען מוז האָבן דעם דאָזיקן געדאַנק אין זינען, כּדי אַנדערש און טיפֿער צו פֿירן די טרייד־יוניאָניסטישע אַרבעט גופֿא.

דער ניט־טעריטאָריאַליסטישער נאַציאָנאַליסט, ווי, למשל, פֿון די נאַציאָנאַל־געזאָנענע עלעמענטן פֿון דעם „בונד“, פֿאַרשטייט אויך ניט, אַז דער טעריטאָריאַליזם איז דער לאָגישער אויספֿיר פֿון זײַן אייגענער אַרבעט, אַז ווי שטאַרק עס זאָל ניט פֿאַרבעסערט ווערן דער נאַציאָנאַלער מעמד פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק אין גלות, קאָן די ייִדישע נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין גאַנצן פֿאַרענטפֿערט ווערן ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן האָבן אַן אייגענע היים פֿאַר דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, און אַז מען מוז האָבן דעם דאָזיקן אידעאַל אין זינען, כּדי אַנדערש און טיפֿער צו פֿירן די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות גופֿא.

דער אַלטער סאָציאַליזם און דער אַלטער טעריטאָריאַליזם האָבן געלעבט און געוואָלט לעבן מער נישט ווי „אויף באָרג“, דורך דעם ריינעם „גלויבן“ אין דער צוקונפֿט. דער טרייד־יוניאָניזם און דער נאַציאָנאַלער „בונדיזם“ פֿאַלן אַרײַן אין דעם אומגעקערטן פֿעלער: אויס גלויבן אין דער צוקונפֿט! וואָס ניט מזומן על־יד, איז ניט ווערט קיין גראָשן.

דער נײַער סאָציאַליזם און דער נײַער טעריטאָריאַליזם ווייסן, אַז אידעאַלן פֿאַר דער צוקונפֿט זענען דאָ, כּדי צו באַפֿרוכטן מיט זיי די אַרבעט פֿאַר דעם הײַנטיקן טאָג, און וואָס מער „מזומן“ זיי צאָלן אונדז הײַנט, אַלץ נענטער מאַכן זיי די צײַט פֿאַר זייער אַרײַנטרעטן אין לעבן, און אַז וואָס מער מיר גלייבן אין זיי, וואָס

מער מיר אַרבעטן פֿאַר זייער אַרייַנטרעטן אין לעבן אין דער צוקונפֿט, אַלץ מער „מזומן“ קאָנען זיי אונדז געבן הייַנט.